**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט איבער $14 מיליאן צו געשאנקען ווערן צו פארבעסערן לופט קוואליטעט און פארמינערן עמיסיעס אין נישט-גענוג-געשטיצטע שולע דיסטריקטן**

***דריי הויפט ריינע הייצונג און קילונג פראיעקטן צו ארויסהעלפן עלעף דיסטריקטן אין ארימערע קאמיוניטיס דורך "ריינע גרינע שולעס" איניציאטיוו***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איבער $14 מיליאן צו ווערן אויסגעטיילט פאר 11 נישט-גענוג-געשטיצטע פובליק שולע דיסטריקטן צו רייניגן זייערע געביידעס פון קארבאנאציע דורך די 'ריינע גרינע שולעס' איניציאטיוו. די פראיעקטן וועלן נידערן גרינהאוז גאז עמיסיעס, פארמינערן די שולע'ס געוואנדענקייט אויף פאסיל ברען-שטאף און פארבעסערן די לופט קוואליטעט אינערווייניג דורך אינסטאלירן הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די ערד, הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די לופט און עלעקטראנישע קאך געצייג. די אנאנסירונג העלפט ארויס די 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו פארמינערן גרינהאוז גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו זיכער מאכן אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט מיט א ציל אז 40 פראצענט פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו [שוואכערע קאמיוניטיס](#).

"שולעס קענען עפענען א וועלט פון געלעגנהייטן און מעגליכקייטן פאר אונזערע קינדער, אבער פאר סטודענטן צו געניסן דאס מערסטע פון זייער עדיוקעישאן, מוזן זיי זיין אין א געזונטע און זיכערע לערנען ענווייראנמענט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "'ריינע גרינע שולעס' ערלויבט אונזערע שולעס אין שוואכערע קאמיוניטיס צו מאכן וויכטיגע ענערגיע שפארונג אפגרעידס פאר זייערע פאסיליטעטן וואס פארבעסערן לופט קוואליטעט אינערווייניג און העלפן מיט די ערפאלגזאמקייט און וואוילזיין פון סטודענטן אין די גאנצע סטעיט."

געשאנקען דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), וועלן 'ריינע גרינע שולעס' געלטער גיין אויף צו ארויסהעלפן דאס אינסטאלירונג פון הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די ערד, הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די לופט און עלעקטראנישע קאך געצייג פראיעקטן אין די פארגרעסערטע סיטי שולע דיסטריקט פון מידלטאון אין ארענדזש קאונטי, קיובע-ראשפארד צענטראלע שולע דיסטריקט אין אלעגאני קאונטי, און מערערע דיסטריקטן אין די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון עדיוקעישאן. די נויט-באדערפטיגע שולע דיסטריקטן ענטהאלטן כאטש איין שולע געביידע וואס געפונט זיך אין א שוואכערע קאמיוניטי.

די פראיעקטן זענען ערווארטעט צו ארויסהעלפן כמעט 5,800 סטודענטן דורך פארמינערן גרינהאוז גאז קארבאן עמיסיעס וואס איז אזויווי אוועקנעמען 112,500 גאלאנס פון גאז וואס ווערט גענוצט יעדע יאר.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "ניו יארק'ס 'ריינע גרינע שולעס' איניציאטיוו וועט העלפן פארבעסערן סטודענט ווירקזאמקייט און אינעם זעלבן צייט העלפן נידערן ענערגיע קאסטן פאר שולע דיסטריקטן וועלכע ספראוון זיך שוין מיט אויסגעצויגענע באדזשעטס. עס איז נישט דא א בעסערע אינוועסטירונג אינעם צוקונפט ווי צו פארזיכערן אז אונזערע קינדער האבן די בעסטע ענווייראנמענטן צו קענען לערנען און שטייגן, און מיר זענען שטאלץ צו קענען אונטערהאלטן אונזער קומענדיגע דור פון פירערס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אנהאלטונג קאמישאנער באסיל סעגאס האט געזאגט,** "די $14 מיליאן אין געלטער היינט געשאנקען שטיצט די ריינע ענערגיע טראנספארמאציע וואס איז אין קראפט אין ניו יארק'ס שולעס, אונז העלפנדיג עררייכן די סטעיט'ס קלימאט מאנדאטן וועלכע שטיצט לופט קוואליטעט פאר שולע קינדער, ספעציעל אין שולעס אין קאמיוניטיס וועלכע זענען די מערסטע עמפינדליך צו די אפעקטן פון שעדליכע לופט פארפעסטיגונג און קלימאט ענדערונג. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע אינוועסטירונג אין די 'ריינע גרינע שולעס' און קוק ארויס צו ארבעטן מיט DEC'ס סטעיט, שולע דיסטריקט, און קאמיוניטי מיטארבעטער צו שטארקן די דאזיגע און אנדערע גרינע איניציאטיוון געשטיצט דורך די היסטארישע $4.2 ביליאן ענווייראנמענטאלע באנד אקט."

<u>'ריינע גרינע שולע' געלטער:</u>

**קיובע-ראשפארד צענטראלע שולע דיסטריקט, אלעגאני קאונטי - $6.1 מיליאן:** די נויט-באדערפטיגע שולע דיסטריקט וועט פארבעסערן די ענערגיע אויספיר פון געביידעס ביי מערערע פאסיליטעטן און טיילווייז ערזעצן די יעצטיגע פאסיל ברען-שטאף ארט קאנדישינינג און דאמעסטישע הייסע וואסער סיסטעמען מיט הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די לופט. די פראיעקט נעמט אריין דריי געביידעס אין די שולע דיסטריקט און פירט איין ריינע ענערגיע געדאנקען אין די קלאס-צימער מיט ריינע ענערגיע קלאס פלענער און שפאצירן פאר סטודענטן און פאר די קאמיוניטי נאכ'ן ענדיגן די בוי-ארבעט פראיעקטן.

**די פארגרעסערטע סיטי שולע דיסטריקט אין מידלטאון, ארענדזש קאונטי - $4.04 מיליאן:** די נויט-באדערפטיגע שולע דיסטריקט פלאנט צו אינסטאלירן הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די ערד און הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די לופט, אין צוגאב צו א געביידע פארוואלטונג סיסטעם מיט פארלאנג לופט קאנטראל. די פראיעקט וועט פארשטעלן עלעקטרישע HVAC סיסטעמען מיט פארבעסערטע באשטאנדטיילן און ארבעט צו געבן בעסערע לופט קוואליטעט אינעם קלאס-צימער און לענגאויס די געביידע. די סיסטעמען וועלן ווערן אינסטאלירט ביי די טווין טאווערס מיטל שולע, וואס וועט ווערן א לערנען לאבראטאריע פאר'ן דיסטריקט, ערלויבנדיג סטודענטן צו שפאצירן און איבערקוקן די מאכאנישע פאמפס פון די הייצונג פאמפס וואס נעמען ענערגיע פון די ערד כדי צו לערנען מער איבער ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס.

**די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון עדיוקעישאן (NYCDOE), ניו יארק קאונטי, קינגס קאונטי, קווינס קאונטי, בראנקס קאונטי און ריטשמאנד קאונטי - $4 מיליאן:** די NYCDOE אינסטאלירט ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס אנשטאט די יעצטיגע ברען-שטאף אויל פייער דאמעסטישע הייסע וואסער (DHW) און נאטורליכע גאז קאך געצייג אלץ טייל פון NYCDOE'ס פארפליכטונג צו גענצליך עלעקטריפיצירן די געביידע. די געלטער וועלן ארויסהעלפן ניין פובליק שולעס אין ניו יארק סיטי, זיי ערלויבנדיג צו מאכן די איבערגאנג פון פאסיל ברען-שטאף דורך אינסטאלירן עלעקטרישע לופט-צו-וואסער דאמעסטישע הייסע וואסער (DHW) הייצונג פאמפס און עלעקטרישע קאך געצייג.

מיט דאס אריבערפירונג פון די 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט געלעגנהייטן ענווייראנמענטאלע באנד אקט' (Environmental Bond Act), ערווארט NYSERDA דאס עפענונג פון א צווייטע רונדע פון די ערגענצליכע קאפיטאל פינאנצירונג פראגראם ביז ענדע יאר וואס וועט פארברייטערן צוטריט צו פינאנצירונג צו שטיצן בוי-ארבעט פראיעקטן צו רייניגן קארבאניזאציע און דינען אלץ א ביישפיל צו עלעקריפיצירן די שולע געביידע באפעלקערונג.

אויף 'ערד טאג' 2022, האט גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט דאס עפענונג פון די $59 מיליאן 'ריינע גרינע שולעס' איניציאטיוו. די 'ריינע גרינע שולעס' איניציאטיוו שטעלט צו טעכנישע, פינאנציעלע, און מענטשליכע הילפסמיטלען שטיצע צו העלפן נויט-באדערפטיגע פובליק שולעס צו פארבעסערן זייערע פאסיליטעטן, ברענגענדיג ענעריגע שפארונג, ריינע ענערגיע, שטארקקייט, פעסטקייט, און עלעקטריפיצירונג לייזונגען אז די שוואכערע ניו יארקער זאלן קענען געניסן דערפון. פינאנצירונג ווערט געגעבן אויף א פארנעם פון אפענע-איינשרייבונג פאר סערוויסעס צו העלפן שולעס אפשאצן, פלאנירן, און גרינגער מאכן ענערגיע פארמינערונג פראיעקטן, ריינע ענערגיע פראיעקטן און אינערוויייניגע לופט קוואליטעט פראיעקטן אין צוגאב צו קאנקורירנדע פינאנצירונג, ווי עס ווערט היינט געגעבן, צו אינסטאלירן קאפיטאל פראיעקטן וואס וועט העלפן שולעס פארבעסערן זייער ענווייראנמענטאלע שטארקקייט און רייניגן זייערע געביידעס פון קארבאנאציע. ביז היינט, נעמען שוין 1,300 נויט-באדערפטיגע שולעס איבער 75 דיסטריקטן אין ניו יארק סטעיט אנטייל אין די פראגראם צו באקומען טעכנישע הילף צו אפשאצן אינערוויייניגע לופט קוואליטעט, ענערגיע פארמינערונג, עלעקטריפיצירונג און רייניגן פון קארבאנאציע פראיעקטן. די פראיעקטן געפונען זיך לענגאויס 35 קאונטיס אין ניו יארק סטעיט.

אלע פובליק שולע געביידעס לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלכע זענען באשטימט אלץ הויכע-באדערפענישן דורך דער ניו יארק סטעיט עדיוקעשען דעפארטמענט אדער וואס געפונען זיך אין א שוואכערע קאמיוניטי זענען בארעכטיגט אנטייל צו נעמען אין די פראגראם. בארעכטיגטע שולעס ווערן אנגערופן "נויט-באדערפטיגע" שולעס. ווי מיר שטייען יעצט, זענען דא אומגעפער 2,500 בארעכטיגטע נויט-באדערפטיגע שולעס אין ניו יארק סטעיט.

אין צוגאב צו די ארבעט, שטעלט NYSERDA אויך צו טעכנישע הילף פאר נישט-נויט-באדערפטיגע שולעס דורך די בייגזאמע טעכנישע הילף פראגראם. די 'בייגזאמע טעכנישע הילף פראגראם' קען העלפן שולעס אידענטיפיצירן און אפשאצן געלעגנהייטן צו פארמינערן ענערגיע קאסטן און איינפירן ריינע ענערגיע אין זייער קאפיטאל פלאנירונג. NYSERDA פריאריטיזירט אויך פארבעסערטע אינערוויייניגע לופט קוואליטעט און ענווייראנמענטאלע שטארקקייט דורך בויען עלעקטריפיצירונג און ענערגיע שפארונג פארבעסערונגען צו פארבעסערן דאס געזונטהייט אין פובליק און פריוואטע געביידעס לענגאויס די סטעיט דורך ארבעטן צוזאמען מיט דער 'אמעריקאנער סאסייעטי פאר הייצונג, קילונג, און עיר קאנדישען אינזשינערן (ASHRAE)'.

געביידעס זענען איינס פון די גרעסטע קוועלער פון גרינהאויז גאז ארויסגעבונג אין ניו יארק סטעיט און דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען, ווערט מער ווי $6.8 מיליאן אינוועסטירט צו די-קארבאניזירן געביידעס איבער די סטעיט. דורך פארבעסערן ענערגיע אפעקטיוויקייט אין געביידעס און אוואנסירן שטאטישע אריינשטעלונגען פון אויפן-ארט סטארעדזש, איבערבאנייונגען, און עלעקטרישע וויהיקל טשארדזשינג געצייג, וועט די סטעיט פארמינערן זייער קארבאן פארפעסטיגונג און בייקומען די סטעיט'ס ציל פון פארמינערן אויפן-ארט ענערגיע באנוץ מיט 185 TBtu ביז 2025, דאס זעלבע ווי צושטעלן קראפט פאר 1.8 מיליאן שטובער.

פינאנצירונג פאר דעם איניציאטיוו איז ערמעגליכט געווארן דורך דער ראיאנישע גרינהויז גאז איניציאטיוו (Regional Greenhouse Gas Initiative, RGGI) און דער סטעיט׳ס 10-יעריגע, $5.3 ביליאן ריינע

ענערגיע פאנד, וואס איז אויטאריזירט דורך דער ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע. מער אינפארמאציע איבער די געלטער קען מען געפונען אויף די NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער $55 ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון $1 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון, און איבער $2 ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן